Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1943

אווערטיור

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

# אוּווערטיור

נעמט דעם גאָלעס אַף זיך, פייגל, און געזעגנט זיך מיט נעסטן,
נעמט פאַר ליב דעם קלונג פון שווערדן, נאָכן רוף פון גורל — פאָלגט!
אײַער ליד זאָל זײַן אַ בראָכע, אינעם טרויער זאָל זי פעסט זײַן,
זאָל דורך איר אין דוירעס אָפּגיין דער ניסאָיען פונעם פאָלק,
ווי אין גאָלדענעם באַגינעג האָט דורך איר די פרייד די גרויסע
איבער ראַכוועסדיקע רוימען זיך געטראָגן ניט געצאַמט, —
ווען אין היכער מי געפלאָכטן האָט אַ שטרוי דאָרט צו אַ שטרוי זיך,
און אַ ציגל צו אַ ציגל, און אַ זעמל צו אַ זאַמד.
ס׳טרעט אַצינד אַף דעם דער סוינע, ס׳גייט דער טויט פון שוועל צו
שוועל דאָ.
אין די ברענענדיקע וועלדער רײַסט מיט שטאַם ער יעדן ביים.
טראָגט די ליד איצט אַף די פעלדער, ס׳וואַרטן פאָלקס-געבענטשטע
העלדן,
ווי אַף בריוו פון די געליבטע, ווי אַף ווײַטן גרוס פון דר׳היים.
זאָל זי הייס איצט ווי אַ טרער זײַן, ווי פרימאָרגעדיקער טוי ריין,
און ווי שפּיגלדיקער כאַלעף שאַרף זאָל זײַן איר יעדער קלאַנג,
אַז אין שלאַכט זאָל זי די ווערט זײַן צו באַזינגען די גיבוירים,
וואָס די וויכערדיקע קעפּ זיי גייען אָפּגעבן דעם לאַנד.

טראָגט זיך, ברויזנדיקע טײַכן, טראָגט זיך, שטראָמיקע, צו יאַמען,
מיט דעם וויי און מיט דעם אומעט, אופגעזעגלטן באַם ראַנד.
אײַער רויש זאָל ניט פאַרשווינדן און אינערגעץ ניט פאַרזאַמען,
זאָל אין אים אַף ווײַט דערהערט זײַן דער גע־אַנגל פונעם לאַנד,
ווי געהערט אין אים אַף ווײַטן האָט דער שטאָלצער איבערשלוס זיך
בײַ די שוועלן פונעם דניעפּער, בײַ די פעלדזן פונעם ברעג,
ווען דאָס ליכט האָט ער מיט כוואַליעס אויסגעזונגען אַף די שליוזן
און אין דרעמלדיקע סטעפּעס ברויז און בליִונג אופגעוועקט.

ס׳טרעט אַפּ דעם אַצינד דער סוינע. יעדער קוואַל איז ער מעטאמע,
איז געזעגנט זיך מיט פּלוס-בעט און מיט ברעגן זיך צעשיידט;
טראָגט זיך, ברויזנדיקע טײַכן, רופט די טרײַע זין צוזאמען,
זאָל אַצינד בא יעדן איינעם זײַן די שווערד אַנטבלויזט פון ש״יד.
יעדער שטראָם א גרוס פון דר׳היים איצט — אופגעוויכערט און באפליגלט,—
שעפּט ארײַן אי׳ן זיך דעם הימל פון די היימען ביז צו זעט,
אויב א קריגער אײַך באשערט איז אַפּ די כוואַליעס צו פּארוויגן,
זאָלן היימלענדישע שטערן אים צוקאָפּנס זײַן געבעט!

לאָזט אַפּ שטורעם זיך פאנאנדער, טויזנט-וויאָרסטנדיקע יאַרן,
רופט ארויס פון זיך די שאָטנס און צעשטעלט זיי אַפּן וועג,
מיט געמורמל פון די בלעטער מאכט א פּאָטערלעכע ווארע
די, וואָס לאָזן אַפּ נעקאָמע קעגן סוינע זיך אוועק!
קרוינען הויך אין זון זיך שמעלצן — פייגל גינגאָלדענע סטײַעס,
וועלדער רוסישע, פארקישעפט מיטן גאָלדן מויל פון פאָלק,
זײַט פאר די נעקאָמע-נעמער, זײַט א היים זיי א געטרײַע
און באמיט זיך און באהיט זיי פונעם לויערדיקן וואָלף.
ס׳האָט דאָס לאנד אַפּ הוילע ווונדער, ווונדער-וועלדער, זיי פארטרויט
אײַך —
אי מיט שטערן אַפּ פּאפּאכע, אי מיט ליענטע אַפּ דער הוט!..
זאָל זיך יעדער גראָז פארוואנדלען אין א יאגעדע א רויטע
און פארזעטיקן מיט בלוט זיי, אויב ס׳וועט אָפּגיין ווער מיט בלוט.
טויזנט-יאָרעדיקע שטאמען! גראָבט א קייווער פאר די מערדער!
שפּרייט די שאָטנס אויס ווי נעצן — ווו א בערגל, ווו א טאָל:
ס׳גייט דער פרעמדלענדער דער סוינע און מיט בלוט צעשווענקט די
ערד ער,
א פארוויקלטער אין אײַזן, א געפּאנצערטער אין שטאָל! —

אויסמושטרירט פון דער פארדארבונג, רײַסט מען ווילד פון לאנד צו
לאנד זיך
דורך געוויין און דורך כורבוינעס און דורך סרייפעס און דורך נעכט —
אַפּ געגאנוועטע ריסאקעס און מיט אָפּגערויבטע פאנצערס
און אַפּ רײַטוואָגנס, געשפּאנטע מיט געפאנגענע און קנעכט.
עס באגעגענען זיי זשאבעס און א הינט-געביל באגלייט זיי,
מיט דער פּינקטלעכקײַט פון גוילעמס קומען אלע אין באוועג,
הוילע שארבנס אַפּ די פּאָנעס, פולע רויב-זעק אַפּ די פּלייצעס
און די פינצטערניש פון קוואָרים עפנט אופ פאר זיי דעם וועג.

די „האַזשגאָכע“ האָט געגעבן אין די הענט זיי העק, ווי העקער,
די „האַזשגאָכע“ האָט באַוויזן זיי בײַ יעטווידן דעם האַלדז:
— דאָס וועט זײַן אַצינד פון דײַטשלאַנד דער באַרוף און די אַנט-
פּלעקונג,
איבער לענדער, איבער פעלקער — רוּיבלאַנד, מאָרדלאַנד, איבער אַלץ!
— הײַל דעם דריטן רײַך פון הענקער, ווו אַפּ מאָרד געזאַלבט די
מי איז,
די נעשאָמעס פאַר די העק בײַ אים פאַרמאַשקנט און פאַרטרויט, —
קאַוואַלערן פון בעסאַלמענדיקע ציילעמס און פון טליִעס,
קאַוואַלערן פונעם אָרדען, וואָס ס׳באַערט מיט אים דער טויט!

ס׳טראָגט זיי רויבערישער פיבער מיט געהיק און מיט גערוישן,
איבער שטעט און איבער וועגן טראָגט דער גיר זיי און די שווערד.
זיבן יאָר מיט גרינע גיפטן, זיבן יאָר מיט ברוינעם כוישעך
האָט דער בלוט-גאָלדענער אָפּגאָט זיי געכאָוועט און גענערט.
אופגעקליבן זיי פון רינשטאָקס און מיט זיי אַ בונד פאַרשניטן
און פון גזיילע זיי געגעבן צו באַוווּנדערן דעם טאַם:
— ס׳איז געשמאַק? — געלאַכט דער אָפּגאָט האָט צו רינשטאָקדיקע ריטער,
מאַך זיך גרייט אין וועג, גערמאַניע! גאָר ניט זײַן וועט דיר קיין צאַם!
ער האָט זיך צו איר באַוויזן: — דו פאַרקויפסט מיר דײַן נעשאָמע,
כ׳שמעלץ דיך איבער און פאַרוואַנדל נ׳אַ געפּאַנצערטער מאַשין —
און פאַר דיר קיין שטער און אָפּהאַלט איז אינערגעץ שוין נישטאָ מער,
ס׳עפנט אויף זיך יעדער וועג דיר: — גיי, פאַרדאַרב, און מאָרד, און שינד!
פון געפילן שליס איך אויס דיך, דאָס געוויסן דיר פאַרטויב איך.
איך פאַרכאַסמע דאָס געהער דיר. כ׳טו דאָס ליכט אָפּ פון דײַן בליק,
און דיר אָפּקאָווען די טריט וועל איך מיט שלענגלדיקע רויפן.
אָט אַזוי וועסטו באַפאַלן! אָט אַזוי פאַנג אָן די קריג!

אײַנגעוויילד פון בערג און שאַכטעס, שטעט מיט גאָלד און פּי מיט
פיטער
און פון פײַער אַ געוויטער — טאָג און נאַכט — וועג אײַן, וועג אויס;
לאָז זיך אומעטום איצט ווויל גיין! דיר — טראָפּייען, מ׳ר — פּראָפּיטן —
ברויט און אַרץ און נאַפט און קוילן. איך באַפעל, און דו פּילסט אויס!
ס׳קאָן דער בלוט-גאָלדענער אָפּגאָט זיך פאַרשאַפן אַ מעדינע
און זיך אָפּקויפן אַן אייגענעם, אַ רויבערישן רײַך,
אַז עס זאָל אַ פאָלק אַ הענקער אים געטרײַ און הייליק דינען,

די באפעלנ, ווי א גוילעמ, זײַנע אויספילנ אימ גלײַכ.
אופגעזאמלט שלאק אונ אָפפאל — וואָס פארדאָרבענער, וואָס מער דאָרט,
זיי א צונאָמענ געגעבנ מיט פאראדנ ווי ס'געהער —
אונ בא שײַטערס זיי געזאלבט דאָרט פאר אנ אויבער-פאָלק — א מערדער
אונ באוויזנ זיי די קרוינשטול די געגארטע פונ דער ערד.
איז אפ רויב זיכ אופגעהויבנ אונ געלאָזט זיכ אפ האריגע,
אײַנגעהילט אינ שטאָל אונ אײַזנ — אי דעמ פאכעד, אי — די פעל;
מע באלאגערט שטעט אונ דערפער מיט געהויל אונ מיט געהיקע:
— הײַל דעמ היישעריק אינ קאסקעס! הײַל די שלענג אינ גאליפע!

ס'דריטע רײַכ — אפ א שפאצירגאנג דורכ בעסאלמענדיקע מײַלנ,
ס'דריטע רײַכ — אפ א פארווײַלונג איבער כ:רוועס פראנק אונ פרײַ!
אפ די קעפ די פלאכע קאסקעס, אונ געזיכטנ — הוילע מײַלער,
אָנגעבלוטיקטע מיט כוישעכ אונ מיט אייווער-מינ-האכײַ.
גאנצע דערפער אינ די רויב-זעק, גענדז אונ קאטשקעס אינעמ בוזעמ,
פריידיקס פעטע פונ כאזיירימ אפ די אקסל, פונקט ווי שווערד,
אונ א יונגע פארטיזאנקע פונ די וועלדער — אָנ באוווסטזײַנ
פאר די האָר דאָרט צוגעבונדנ צו א ווײדל פונ א פערד.
אויסשטודירט געטרײַ אונ פלײַסיק — אי געמאָסטנ, אי געוויגנ —
ביז צו פינקטלעכקײַט פונ מײַסטערס האָט מיט זיי אליינ דער טויט
ווי צו אופהאקנ א שארבנ, ווי צו אויסשטעכנ די אויגנ,
ווי צו אויסברענענ א שטערנ אפ דער לעבעדיקער הויט,
אונ אימ אָפשטעמפלענ מיט טריוואקס אונ באצייכנענ: — מעיד אינ דזשערמענ,
אונ די דאטע, אונ א פאָטאָ, נ'א סאכאקלדיקנ שטרײַכ —
וויפל האָט מענ שוינ דערשלונגענ — ס'גייט א ביסל לאנג אונ שווער נאָר, —
— הײַל דער אָרדענונג פונ הענקער! הײַל דעמ קאָט — דעמ דריטנ רײַכ!

אש פונ שטעט אונ בראָכ פונ דערפער — גייט מענ איבער ערד דער-שטיקטער,
נאָר עס לייגט פונ זיי קיינ שאָטנ זיכ אינערגעצ ניט אוועק:
— איז דאָס עפעס ניט קיינ סימענ? — ס'שרעקט זיכ יעדערער א בליק טאָנ,
אונ אינ בלוטיקער הוליאשטשענע דערטרינקענ זיי די שרעק.

א וואָראָזשקע זאָל פֿון ערגעץ אונטערוועגס צו זיי א גיי טאָן,
וואָלטן זיי מיט גאָלד באקליידט זי און געשענקט איר א פארמעג, —
אז עס זאָל די מעכאשייפע די געהיימניש זיי באשיידן,
ווו די שאָטנס זיינען זייערע פארשוווּנדן אונטערוועג.
— א וואָראָזשקע אפ באשיידן די געהיימענישן — ביטע!
אפ די וועגן — אומעטום — פון טויזנט-יאָריקן פארזיי —
שטייען גאָלד-געקרוינטע דעמבעס ווי די אלטע וואָראָזשביטן.
— צוימט די פערד! אראָפ די פאנצערס! פרעגט פאנאנדער זיך בא זיי!
זיי דעם טרויעריקן סימען וועלן פּינקטלעך אייך דערציילן —
קאָרטן גאָלדענע פון בלעטער אייך צעלייגן אפ דער ערד,
קאוואלערן פון די רויב-זעק און בעסאלמענדיקע ציילעמס,
קאוואלערן פונעם אָרדען, וואָס דער טויט מיט אים באערט!

רוישן דעמבעס אין די הייכן — איבערצייטיקע און טריבע,
אפ דעם דורכפלוס פון די ווינטן קרים זיי גיבן זיך א ריר:
— ווער ס'האקט אויס פון גיך א פרוכט-בוים, פרעסט זיך איינמאָל
מיט אים איבער,
און ער פאלט אליין אנידער — אונטערבראָכן פון זיין גיר!
רויק שפרייטן זיך די קרוינען קעגן ווינט און קעגן האָגל,
זאפטן ברויזן אין די שטאמען פון די טיפן ביז ארויף:
— ס'ש'עפט די שפין אפ פיין איר קאָרבן, ווייל פון שרעק איז זי
געשלאָגן,
ווייל קיין וואָרצלען האָט איר שפינוועבס און זי האלט זיך אפ דער לופט.
פון די קעלטן ניט געפאנצערט, פון קיין זון-שלאָג ניט פארטייעט,
אויסגעשטרעקט זיינען די צווייגן, ווי באוואקסן-גרינע הענט:
— ווער עס ווייסט קיין אונטערשייד ניט צווישן גאָלד און צווישן פייער,
גייט זיך אויסצירן אין צירונג און ער ווערט אין דעם פארברענט!
מיט פארטייעטן געמורמל יע־ער בלאט איז אָנגעצויגן
און ווי קאָרטן יעדער ווייל גיט זיך אן אנדערע א לייג:
— דעם באהערשטן פון שיגאָען קערן איבער זיך די אויגן,
און ער זעט ניט — ניט זיין שאָטן, און ער זעט ניט זיך אליין!

פעלדער בליען פונדאָסניי שוין. ס'זיינען גערטנער ווידער גרין שוין,
נאָר דעם בלי, ווי אייער שאָטן, זען איז מער אייך ניט באשערט...
ס'שטייט אייך פאָר א ווייטע רייזע פונדאָסניי צוריק אין רינשטאָק,

אָנ די קאסקעס, אָנ די פאנצערס, ווי געשפענסטער פונ די נעכט!
אײַנגעבויגענע אינדרײַענ — פונ טראנשייענ צו טראנשייענ,
אינ די קײַווערדיקע בוזעמס — א נעווײלעדיקער ביינ, —
אונ פארוויקלטע אינ טראָלדנ — איבער זומפּנ, איבער שנייענ,
אויסגעבעטע מיט פּעגאָרימ, וועט איר גיינ אונ גיינ אונ גיינ...
ס'וועלנ פעלד אונ טאָל זיכ ברעכנ פונ געבערג אײַערע שארבנס,
אונ די זומפּנ וועלנ אויסשפּײַענ צוריק אײַער געביינ.
גוט די ערד איז צו א פרײַנט נאָר, צו א פײַנט — זי גרויזאַמ הארב איז.
איבער איר צעגליטנ צאָרנ וועט איר גיינ אונ גיינ אונ גיינ
פונ דער רינשטאָקדיקער קרוינשטול ביזנ קרוינשטולדיקנ רינשטאָק
דעמ צוריקוועגס — אונטער שטורעמ, אונטער בײַטשנ אפּ די קני!
נאָר אינ אש זײַנענ די וועגנ אונ מיט בלוט אדורכגעמישט דאָרט,
איר וועט גיינ אונ גיינ אונ גיינ אונ ניט דערגיינ שוינ אויכ אהינ!

א פארלאָזטע אונ א וויכטע, ווי אנ אָפּגעברענטער דאָרנ, —
אנ אלמאָנע — אײַער היימלאנד — וועט פונ אש ניט אופשטיינ מער;
אונ די נאכט וועט זי פארשעלטנ, ווענ פארקניפּט איר זײַט געוואָרנ,
אונ פארשעלטנ זי דעמ טאָג וועט, וואָס געבראכט האָט אײַך דער
ערד, —
זי — אינ איינזאמקײַט פארבראָכנ, זי — די מאמע פונ די מערדער,
וואָס באגלייט אונ האָט געבענטשט אײַכ מיט דער פינצטערניש פונ
נאכט, —
זי פארשעלטנ וועט דאָס ברויט, וואָס האָט אפּ אומגליק ווענ געגערט אײַכ,
זי פארשעלטנ וועט דאָס ליכט, וואָס האָט די אויגנ אײַכ צעשפּארט.
אומגעוואלגערט אינ צעפרעסנ אונ פארהריזנעדיק אינ טונקל,
וואָס פארציט זיכ איבער קוואָרימ, וואָס גייט קיינמאָל ניט פארבײַ,
וועט זי פוילנ אפּ די כורוועס, אינ צעראאס אײַנגעטונקענ,
אונ צעקראצנ מיט די שארבנס זיכ מיט אײַערע דאָס לײַב!
ס'וועלנ שאָטנס בלויז פונ מ זרעכ קומענ טרייסטנ זי, ווי ראָבנ,
אונ זי דאָרט, ווי א מעצוירערנ, פארצוימענ מיט א פלויט;
אויב איר ווייגענ וועט זיכ וועלנ, איז קיינ טרער וועט זי ניט האָבנ,
אויב דעמ טויט וועט זי פארלאנגענ, איז ניט קומענ וועט דער טויט!

נעמט דעמ גאָלעס אפּ זיכ, פייגל, אונ געזעגנט זיכ מיט נעסטנ,
נעמט פאר ליב דעמ קלינג פונ שווערדנ, נאָכנ רופ פונ גורל — פּאָלגט!

אינ געשלעגנ אונ אינ גוווּרע אפ דעמ שלאכטפעלד זיכ פארמעסטנ
קעגנ הענקער אונ פארדארבער איז ארויסגעגאנ דאָס פאָלק.
שארפער איז פונ שווערד זײַנ עמעס, פונ די שטערנ איז ער העכער,
שטארקער פונ די בע״ג זײַנ גײַכט איז אונ איז פרײַער פונעמ יאמ.
דער געוויטער וועט אימ וויגנ, נאָר ער וועט אימ ניט צעברעכנ
אונ אינ שטורעמ אונ אינ פײַער זיכ ניט וואקלענ וועט זײַנ שטאמ.
אפ בארוישנדיקע וווּנדער האָט זײַנ פרײַהײַט זיכ צעהעלט דאָ,
אינ דער שווערד לויכט איצט זײַנ עמעס, ס׳איז זײַנ גײַסט — געשליפנ, ריינ,
טראָגט זשע, פייגל, אײַער ליד אימ, ס׳ווארטנ זינ אונ טעכטער — העלדנ,
ווי אפ בריוו פונ די געליבטע, ווי אפ ווײַטנ גרוס פונ דר׳היימ;
זאָל זי הייס איצט ווי א טרער זײַנ, ווי פרימאָרגעדיקער טוי ריינ,
אונ ווי שפיגלדיקער כאלעפ שארפ זאָל זײַנ איר יעדער קלאנג,
אז אינ שלאכט זאָל זי די ווערט זײַנ צו באזינגענ די גיבוירימ,
וואָס די וויכערדיקע קעפ זיי גייענ אָפגעבנ דעמ לאנד!

